בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

440

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
1415 55th Street
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
34 Union Rd.
Spring Valley, NY 10977
845.445.9314

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
**187 Twin Bridge Rd**
**Liberty, NY 12754**

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
11 Jerusalem Ct
Liberty NY, 12754

## ירושלים
**רח' רבי נחמן מברסלב 15**
**054-845-6150**

## בני ברק
**רח' ירושלים 2**
**052-760-5715**

## טבריה
**רח' משה שפירא 2**
**050-411-6421**

## בית שמש
**רח' נהר הירדן 25**
**הכניסה מצד ימין בגינה**
**050-419-9751**

## ברכפלד
**רח' רשבי 19**
**052-715-6479**

## יבנאל
**רח' המייסדים**
**052-716-3184**

## צפת
**רח' צהל 1**
**050-412-6101**

## אלעד
**רח' הרב יוסף קארו 5**
**052-598-3029**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
718.387.2691

לשמיעת השיעורים הנפלאים
של ראש הישיבה שליט"א
חייגו:
קול ברסלב
079-704-0066
חיזוק פאר אידישע שטוב
079-704-0069

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיז טַאקֶע אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ שְׁטַארְבְּן?........ א
וִויפִּיל טְבִילוֹת אִין מִקְוֶה בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם?........ ב
וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זִיךְ פוּן דִי נַייעֶס?........ ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


הָאבְּן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד........ א
עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת........ ב
דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַּאר אַ מְלַמֵד........ ב
זַייט מִיר מוֹחֵל........ ג
אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דַיין אַמָאלִיגֶע תְּמִימוּת........ ד
נְשָׁמוֹת וָואס דַארְפְן אַרָאפְּקוּמֶען פַאר אַ תִּיקוּן........ ה
אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין........ ו
הִיט דִי אוֹיגְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת........ ז
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְרן מַאכְן דִי שֵׁיינֶע פְּלֶעי מִיט דִי קִינְדֶער........ ח
מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה........ ח
דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט צוּרִיק אוֹיפְשַׁיינֶען........ ט
לֵייג דַיין כֹּחַ, בְּלוּט, אוּן שְׁוֵייס, אִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן........ י

אַ פַּייעֶר אָפְּצוּלָאזְן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג פוּן צְנִיעוּת..........יא

זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַ גוּטֶע סֵדֶר אִין קֶעמְפּ..........יב

נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן..........יג

אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים..........טו

אַהֵיימְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן פוּן קֶעמְפּ..........יז

פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי טְרֵיפָה׳נֶע מִילִיטֶער..........יט

תְּהִלִים אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִין קֶעמְפּ..........יט

בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אִין קֶעמְפּ..........כא

שִׁיעוּרִים פַאר אַבְרֵכִים..........כג

אַלֵיין מְבַרֵר זַיין אוֹיבּ עֶס לוֹינְט צוּ קוֹיפְן דִי הוֹיז..........כד

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין נָאר דֶער שְׁטְרֶענְגֶער טַאטֶע..........כה

בֶּעטְן צְדָקָה, אָן קֵיין רַחְמָנוּת..........כו

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי מִשְׁנַיוֹת..........כז

זַיי אַ מְוַותֵּר, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי עֶנְק..........כז

וֶוער נִישְׁט אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מַחֲלוֹקֶת..........כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיז טַאקֶע אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ שְׁטַארְבְּן ?

### שְׁאֵלָה :

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, כִּמְעַט יֶעדֶע נַאכְט הֵייב אִיךְ אָן זֵייעֶר צוּ צִיטֶערְן פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הֵייב אָן טְרַאכְטְן אַז נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִוי שְׁטַארְק אִיךְ וִויל און אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ זַיין גוּט און וואוֹיל, וֶועט מִיר סַיי וִוי זַיין שְׁוֶוער און בִּיטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל; וֶוען דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן קֶען מֶען דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דָארְט אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן.

שׁוֹין אַלְס קִינְד הָאב אִיךְ גֶעהַאט דִי מַחֲשָׁבוֹת אַז קֵיינֶער קֶען דָאךְ סַיי וִוי נִישְׁט זַיין פֶּערְפֶעקְט, יֶעדֶער וֶועט צוּם סוֹף סַיי וִוי לַיידְן און בַּאקוּמֶען שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן נָאכְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט; אִיז וָואס הָאב אִיךְ בִּכְלַל צוּ פְּרוּבִירְן צוּ זַיין גוּט, אִיךְ וֶועל דָאךְ סַיי וִוי עֶנְדִיגְן נִישְׁט גוּט?

אוֹיךְ בִּין אִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פְּשׁוּט פוּנֶעם שְׁטַארְבְּן אַלֵיין, וִוי אַזוֹי עֶס שְׁפִּירְט און וָואס פַאר אַ יִסוּרִים דָאס אִיז, און וֶוען אִיךְ הֵייב אָן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם קֶען אִיךְ מַמָּשׁ פַארְלִירְן דֶעם אָטֶעם.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה :

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

...

לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט אֵיידֶער דוּ

לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל, זָאגְן דִי וִידּוּי, אָשַׁמְנוּ בָּגַדְנוּ וְכוּ׳ - דַארְפְסְטוּ מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב), אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

אַז דוּ הָאסְט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישַׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן? נָאר גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען ווִיל אַיינְשְׁלָאפְן, הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, עֶס הֵייבְּן אָן קוּמֶען דִמְיוֹנוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳?' אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, טְרַאכְט פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; דָאס הֵייסְט, בַּיים סוֹף וֶועט זַיין גוּט, אֲפִילוּ מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן, גֵייט מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִיפִיל טְבִילוֹת אִין מִקְוֶה בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת יִרְאָה, סִימָן לא) "לְיִרְאָה תֵּלֵךְ לַמִּקְוֶה", אוּן נָאכְדֶעם, אִין סִימָן לז שְׁטֵייט, אַז שַׁ"י טְבִילוֹת אִיז מְסוּגָּל פַאר יִרְאָה; עֶס שְׁטֵייט דָאךְ שׁוֹין פַארְדֶעם אַז מִקְוֶה אִיז מְסוּגָּל לְיִרְאָה, וָואס דַארְף נָאכְדֶעם שְׁטֵיין אַז שַׁ"י טְבִילוֹת אִיז אוֹיךְ מְסוּגָּל פַאר יִרְאָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ פְרֶעגְסְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה חֵלֶק א, סִימָן לא): ״לְיִרְאָה תֵּלֵךְ לַמִּקְוֶה״, דוּרְךְ מִקְוֶה בַּאקוּמְט מֶען יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיז וָואס זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן לז): ״גַּם שַׁ״י [שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְעֶשֶׂר] טְבִילוֹת מְסֻגָּלִין לְיִרְאָה״, זִיךְ טוֹבֵל׳ן דְרַיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען מָאל - אִיז מְסוּגָּל פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם; אַמֶער, בַּיים גֵיין אִין מִקְוֶה אִיז מֶען שׁוֹין זוֹכֶה צוּ יִרְאָה?!

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אִין יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז דָא אַסַאךְ מַדְרֵיגוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט פְּשַׁט אַז אֵיינְמָאל מֶען הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז מֶען שׁוֹין גוּט, מֶען דַארְף אַלְץ שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען מֶער אוּן מֶער יִרְאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין טְבֶרְיָה, בַּיים קֶבֶר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ״ם, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, אַז דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה, צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט, אוּן מֶען הָאט אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן הִימְל אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ, עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעבֶּעטְן, אֶפְשָׁר קֶען עֶר בַּאקוּמֶען דִי יִרְאָה וָואס דִי תְּנָאִים הָאבְּן גֶעהַאט, הָאט מֶען אִים אוֹיךְ מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן הִימְל אַז עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַלְץ לוֹיט דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת, בִּיז וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ״ם׳ס יִרְאָה, הָאט מֶען אִים דָאס גֶעגֶעבְּן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר הָאט אַוֶועק גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אִין יִרְאַת שָׁמַיִם קֶען מֶען אַלְץ זוֹכֶה זַיין צוּ מֶער אוּן מֶער, דָאס גֵייט הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אוּן וֶוען דוּ טוֹבֵלְ׳סְט זִיךְ זָאלְסְטוּ אִינְזִין הָאבְּן שֵׁם א-ק-י-ק בְּמִלּוּי הֵהִין: אל״ף ה״ה יו״ד ה״ה, וָואס

**בַּאטְרֶעפְט קנ"א (151), אַזוֹי וִוי מִקְוֶ"ה (151), און הָאבּ אִינְזִין: 'אֶקְוֶ"ק, אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי'** (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו)**, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג; זָאג פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הִיטְן דִי אוֹיגְן, הִיטְן דִי מַחֲשָׁבָה, הִיטְן דֶעם דִיבּוּר, און אַזוֹי וַוייטֶער.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זִיךְ פוּן דִי נַייעֶס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווייס נִישְׁט פַּארְוָואס, אָבֶער אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעלֵיינְט דִי נַייעֶס, און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַז עֶס הָאט גֶעדַארְפְט זַיין אַן אַרַאבִּישֶׁע פְּרָאטֶעסְט אִין בָּארָא פַּארְק, און נָאךְ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, וָואס הָאט מִיךְ בֶּאֱמֶת זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ צִיטֶער פַאר שְׁרֶעק.

דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַייעֶסְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט הָאבְּן מִיךְ מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ בַּאקוּם אַ פַּאנִיק אַטַאקֶע, אִיךְ וֶוער דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי פַארְוָואס דַארְף אִיךְ בִּכְלַל לֶעבְּן אִין אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע ווֶעלְט.

אִיךְ ווייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ לֵיינֶען נַייעֶס, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ עֶס שׁוֹין גֶעלֵיינְט, וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן? אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ דַארְף שׁוֹין נֶעמֶען מֶעדֶעצִין ווייל אִיךְ קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְקוּמֶען דִי פְּחָדִים, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בַּארוּאִיגְן?

בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן, ווייל אִיךְ טְרֵייסְל מַמָּשׁ פַאר פַּחַד.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ', תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

פַארְוָואס לֵיינְט אִיר נַייעֶס? דָאס אִיז דִי שְׂכַר פוּן לֵיינֶען נַייעֶס, אַז מֶען לֶעבְּט אִין פַּחַד, מֶען לֶעבְּט מִיט מוֹרָא, בִּיז מֶען דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין.

לֵיינְט נִישְׁט קֵיין נַייעֶס אוּן הֶערְט נִישְׁט קֵיין נַייעֶס - וֶועט אִיר לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע זִיסֶע לֶעבְּן, אִיר וֶועט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אִיר וֶועט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לֶעבְּן מִיט דִי נַייעֶס, מֶען רוֹדְפְ׳ט זִיךְ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (סֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם, פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי), אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אַ בְּלֶעטְל - דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם צֵייטוּנְג בְּלֶעטְל - וֶועט עֶנְק רוֹדְפְ׳ן.

אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה נֶעמְט נִישְׁט אִין הַאנְט דִי זַאכְן, אוּן הֶערְט נִישְׁט דִי זַאכְן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## הָאבְּן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו

לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט אָנְגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ מִיטְן פָּארְלֶערְנֶען פַאר דִי בָּחוּרִים חוּמָשׁ רַשִׁ״י, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה. דִי טֶעג וָואס אִיךְ בִּין אִין יְשִׁיבָה וֶועל אִיךְ פָּארְלֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן דִי טֶעג וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ פָּארְלֶערְנֶען אַלֶע דְרַיי שִׁיעוּרִים.

בַּיי דִי שִׁיעוּר פוּן חוּמָשׁ רַשִׁ״י זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת. רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, בִּפְרַט יֶעצְט זוּמֶער וֶוען דִי גַאסְן אִין שְׁטָאט אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק אוֹיף הִיטְן דִי אוֹיגְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַזֵק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן בָּחוּרִים וָואס הִיטְן זִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳, חֲבֵרִים אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, מֶען זָאל זִיךְ חַבֶר׳ן נָאר מִיט חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל, חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

זֶע צוּ הָאבְּן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד.

...

## עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בא״י), י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי רַייכֶע פַארְמֶעגְן וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה, אַ וַוייבּ מִיט טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת, דָאס אִיז אֱמֶתְ׳עֶ רַייכְטוּם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע, מַיין מַאמֶע׳ס מַאמֶע, מָרַת רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, דָאס אִיז גֶעוֶוען וָואס זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִיךְ בִּין דִי רַייכְסְטֶע; אִיךְ הָאבּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת". וֶוען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען צוּ אִיר הָאט זִי מִיר דָאס אַלְץ גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דִי רַייכְסְטֶע"; זִי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, זִי הָאט עֶס גֶעמֵיינְט עֶרְנְסְט, אוּן אֲפִילוּ אִין שְׁטוּבּ אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פָּשׁוּט - הָאט מֶען אָבֶּער גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען הָאט דִי רַייכְסְטֶע בַּאבֶּע, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עִיקָר, צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַזוֹי לֶעבְּן, זָאלְסְט זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁכֹּחַ פַאר דַיין שְׁטוּבּ, אוּן בֶּעטְן פַאר וַוייטֶער, אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן חַתּוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. גֶעלְט אִיז נִישְׁט קֵיין עֲשִׁירוּת, גֶעלְט אִיז רִינְדִיג; אֵיין טָאג הָאט מֶען, אֵיין טָאג נִישְׁט, עֶס דְרֵייט זִיךְ פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן; עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - דָאס בְּלַייבְּט.

...

## דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וֶועלְכֶע לִימוּדִים אוּן שִׁיעוּרִים אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע, אוֹיף וֶועלְכֶע זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן דָאס מֶערְסְטֶע?

בַּיי דִיר אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ זִיךְ פָּארְצוּקוּקְן דִי לִימוּדִים וָואס דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען אִין חֵדֶר מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים, נִישְׁטָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶערְס וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, און יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְגְרֵייטְן וָואס צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אֵיינְמָאל דוּ בִּיסְט גוּט גוּט אָנְגֶעגְרֵייט מִיט דִי לִימוּדִים און מִיט גֶעדַאנְקֶען וִוי אַזוֹי דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעֵל - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגּוּם, אֵיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, נָאכְדֶעם מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא וַהֲלָכָה וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ וֶועלְכֶע נָאמֶען צוּ גֶעבְּן וְכוּ'; דָאס עֶנְטְפֶערְט מֶען נָאר נָאכְן גֶעבּוֹירְן.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען פַאר דַיין ווַייבּ אַ הֶעלְפֶער בַּיים גֶעבּוֹירְן; אַזוֹי פְלֶעגְן עֶנְק טוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, און יֶעצְט הֶערְן עֶנְק אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס; מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע זַאכְן, מַאכְט נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן דִי זַאכְן, עֶנְק זָאלְן טוּן וָואס עֶנְק אִיז בַּאקְוֶועם; הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נָאר חִיזּוּק, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז חַזֶר'ן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

בְּנוֹגֵעַ טוּן חֶסֶד; וֶוען און וִויפִיל, וִוי אַיין און וִוי אוֹיס? אוֹיבּ דַיין ווַייבּ הָאט כֹּחַ זָאל זִי אַרַיינְנֶעמֶען יֶענֶעמ'ס קִינְדֶער, קוּק אוֹיף דַיין ווַייבּ'ס כֹּחוֹת. אַז עֶס נֶעמְט אַוֶועק צַייט פוּן דִי קִינְדֶער - נִישְׁט דָאס אִיז אוֹיף וָואס מֶען קוּקְט, אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן שֶׁענֶער און בֶּעסֶער מִיט אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט; אַז דַיין ווַייבּ הָאט כֹּחַ זָאלְן עֶנְק עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר חֶסֶד, בִּפְרַט פַאר גֶעשְׁוִויסְטֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

...

## זַייט מִיר מוֹחֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

אִיךְ בֶּעט עֶנְק אִיבֶּער פַאר דִי צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶנְק זֶענֶען

אַרִיבֶּער פוּן מִיר אוּן פוּן דִי מוֹסָד, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס הָאט פַּאסִירְט, אוּן אִיךְ בֶּעט עֶנְק, זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וֶועל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן מֶער.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְן עֶנְק זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּמֶען רֶעדְן, עֶס טָאר נִישְׁט פַּאסִירְן אַזוֹינְס, צוּ וֶוערְן בַּא׳עַוְלָה׳ט אוּן זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן אַזוֹי לַאנְג אוּן נִישְׁט קוּמֶען רֶעדְן; עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט עֶפֶּעס וָואס מֶען וֶוערְט צֶעדְרִיקְט אִין דִי קְהִילָה, אָדֶער דִי קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד - דַארְף מֶען קוּמֶען רֶעדְן.

אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין מַלְאָךְ, אִיךְ מַאךְ טָעוּתִים, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט אַלֵיין וֶוען מֶען אִיז גֶעוָוארְן פַארְוֵוייטָאגְט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן עֶנְק, אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי קְהִילָה, אִיךְ הָאבּ עֶנְק לִיבּ, אִיךְ וֶועל מֶער זָארְגְן פַאר עֶנְק.

הַחוֹתָם בְּאַהֲבָה.

...

## אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דַיין אַמָאלִיגֶע תְּמִימוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי אַנְטוֹישְׁט, אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט אִין קִיאַסְק קוּקְן לֵיצָנוּת וְכוּ׳; עֶס טוּט מִיר בֶּאֱמֶת וֵויי, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אַז דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין בַּיי אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, דוּ וֶועסְט וַואקְסְן אַ צַדִיק, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אָנְגֶעפִילְט מִיט תְּמִימוּת, יֶעדֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעפָאלְגְט, אַזַא שָׁאד אַז דוּ זָאלְסְט דָאס אַלֶעס פַארְלִירְן.

זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט גֵיין אִין קִיאַסְק, זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט קוּקְן קֵיין מָאוִויס, וִוידִיאוֹס, קְלִיפְּס - פוּן דִי אִידִישֶׁע לֵצִים, דִי אִידִישֶׁע זַאכְן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז פִיל מִיט לֵיצָנוּת, פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב מַאכְן זֵיי לֵיצָנוּת פוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב, עֶס רַייסְט אוֹיס דִי יִרְאַת

שָׁמַיִם; גְלֵייבּ מִיר, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַזוֹי שַׁארְף וְכוּ׳ - דָאס קוּמְט פוּן לִיבְּשַׁאפְט, מֵאַהֲבָה מְסֻתֶּרֶת, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַז דוּ זָאלְסְט דָא אִין יְשִׁיבָה אַלֶעס פַארְלִירְן.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בַּתּוֹרָה, פִּיל אָן דַיין טָאג מִיט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן נָאךְ יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ שְׁטוּרֶעמֶען דִי גַאסְן מִיט הֲפָצָה, גֵיי יֶעדְן טָאג שָׁעוֹת הֲפָצָה, דָאס וֶועט פַארְעֶכְטְן אַלֶעס, דוּ וֶועסְט וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיט הֲפָצָה, דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, דַן זַיין לְכַף זְכוּת; דִי זָאלְן זַיין וֶועם דוּ קוּקְסְט אַרוֹיף; ״אוֹ חַבְרוּתָא״, אָדֶער אַ גוּטֶער חָבֵר, ״אוֹ מִיתוּתָא״, אָדֶער אַ חָבֵר וָואס שְׁלֶעפְּט צוּם טוֹיט (עַיֵּין תַּעֲנִית כג.).

לִפְנֵי הַתְּפִלָּה, פַארְן דַאוֶוענֶען - רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְן דַאוֶוענֶען זָאלְסְט לֶערְנֶען חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים מִיט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא מִיטְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דַיין אַמָאלִיגֶע תְּמִימוּת.

...

### נְשָׁמוֹת וָואס דַארְפְן אַרָאפְּקוּמֶען פַאר אַ תִּיקּוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳**

מַזָּל טוֹב פַאר אַייעֶר נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע בֶּעבִּי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט אַסַאךְ כֹּחַ אוּן מֹחַ, מִיט שִׂמְחָה.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין, אִיר זָאלְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן, מִיר ווֵייסְן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס

דְּרָכִים; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוּן מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז פִּינְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אַלֶעס אִיז גִלְגּוּלִים, נְשָׁמוֹת - וָואס דַארְפְן אַרָאפְּקוּמֶען פַאר אַ תִּיקּוּן וְכוּ'.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה וֶועט אַייךְ אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער, אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פְּרֶעשׁוּר פוּן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, אִיר וֶועט זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דֶעם קִינְד. דָאס דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין "גַן עֵדֶן", מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גוּט, מֶען הָאט כֹּחַ צוּ אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן.

רוּט זִיךְ אוֹיס אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, אַייעֶרֶע קִינְדֶער וַוארְטְן אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, דָאס קִינְד וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען נַחַת אוּן וֶועט עֶנְק נָאר זַיין אַ בְּרָכָה.

נָאכְאַמָאל מַזָּל טוֹב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען מְגַדֵּל זַיין אַלֶע קִינְדֶער.

...

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת לֶעזֶער תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וִויל בֶּעטְן מֶען זָאל פַארֶעכְטְן אִין בֵּית פֵיגָא, מֶען זָאל קוּמֶען מִיט אֵיידֶעלֶע סְקוּרְטְס; נִישְׁט קוּמֶען מִיט דֶענִים, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט וָואס זֶעט אוֹיס וִוי דֶענִים.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר מַאכְן נִישְׁט קֵיין יוּנִיפָארְם אִיז טַאקֶע וֶועגְן דֶעם, מֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין, אָבֶּער אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען מִיט דִי פְּרָאסְטֶע קְלֵיידֶער - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ צוּרִיק מַאכְן יוּנִיפָארְם.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דִי מְנַהֶלֶת זָאל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם, אוּן אַז קִינְדֶער קוּמֶען נִישְׁט אֵיידְל - זָאל מֶען זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ טַעַם אִין אֵיידְלְקֵייט, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ קוּם נִישְׁט לֶעצְטְנְס אִין סְקוּל אִיז וַוייל דִי טִיטְשֶׁערְס פוּן דִי קְלַאסְן, דִי סֶעקְרִיטֶערִיס אוּן דִי בֶּעבִּיסִיטֶערְס - אַלֶעס וֶוערְט צֶעפָארְן, אַלֶע לוֹיפְן נָאךְ; אוֹיף אַזַא אוֹפָן אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ מֶער צוּ קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הִיט דִי אוֹיגְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, זַיי אִיר נִישְׁט מְצַעֵר, אוּן זִיכֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אִיר צְנִיעוּת, אִיר אֵיידְלְקֵייט; רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז עֶס וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער אַז זִי וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן אִיר לְבוּשׁ, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זַיין זַאט וְכוּ', עֶס אִיז דִמְיוֹנוֹת; זַאט וֶוערְט מֶען נָאר פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.), אַ פְּרוֹי וֵויינְט שְׁנֶעלֶער וִוי אַ מַאן, אוּן אַז מֶען טְשֶׁעפְּט זֵיי אוּן זֵיי וֵויינֶען - קֶען דָאס זַיין אַ סַכָּנָה פַארְן מַאן, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה, מֶען פַארְלִירְט דִי הַצְלָחָה.

בְּרוּדֶער, הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ב, י): "עֵינָא וְלִבָּא, תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַחֲטָאָה אִינוּן", דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ זֶענֶען דִי מֶעקְלֶערְס פַארְן יֵצֶר הָרָע; דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט שְׁמוּץ - פַאלְט מֶען אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען פַארְלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען פַארְלִירְט דִי הַצְלָחָה.

דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט דַיין וַוייבּ וְכוּ', דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז דַיינֶע אוֹיגְן

וָואס זֶענֶען הֶפְקֵר; אַז דוּ וֶועסְט פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, מֶער נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת - וֶועט דַיין וַוייבּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען בַּיי דִיר דִי חֵן; כָּל זְמַן דַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען הֶפְקֵר - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מַאכְן דִי שֵׁיינֶע פְּלֶעי מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן אַהֶער שְׁטֶעלְן דִי שֵׁיינֶע פְּלֶעי פַאר דִי צְוֵוייטֶע אוּן דְרִיטֶע קְלַאס פוּן בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶעהֶערְט הֶערְלִיכֶע גְרִיסְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, ווִי דִי קִינְדֶער - דִי תַּלְמִידוֹת - הָאבְּן אַלֶע גֶעשַׁיינְט פוּן שִׂמְחָה, אוּן אַז אִיר זֶענְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי גַאנְצֶע פְּלֶעי, אִיר מִיט אַייעֶרֶע טַייעֶרֶע טֶעכְטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

...

## מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

"אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי וָואךְ בֶּענְטְשְׁט מֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, דִי דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת זָאגְן, תַּמּו"ז אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: זְ'מַנֵּי תְּ'שׁוּבָה מְ'מַשְׁמְשִׁין וּ'בָאִין, מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי יָאר וֶועל אִיךְ נִישְׁט פָארְן מִיט דִי טְשַׁארְטֶער.

זֶע צוּ מַאכְן נְסִיעוֹת פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֶע מֶען זָאל פָארְן גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס, מֶען זָאל פָארְן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי סַכָּנָה פוּן דִי וֶועגְן.

לֵייג זִיךְ אַרַיין רֹאשׁוֹ וְרֻבּוֹ אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים, נֶעם מָאנְסִי פַאר דִיר פַאר הֲפָצָה, לֵייג אִין אַלֶע שׁוּלְן, אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת וְכוֹלְלִים - דִי שֵׁיינֶע גִּלְיוֹנוֹת וָואס גֶעבְּט מוּט צוּ לֶעבְּן; דִי עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, עֶס מַאכְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אַ חִיּוּת אִין דִי עֲצָמוֹת הַיְבֵשׁוֹת, לֵייג אַרַיין דַיינֶע כֹּחוֹת אִין זַאכְן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר בָּעוֹלָם הַבָּא.

...

## דַיין שְׁלוֹם בַּיִת וֶועט צוּרִיק אוֹיפְשַׁיינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועט זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּב, עֶס וֶועט זַיין חֵן אִין שְׁטוּב; וַוייל דָאס וָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דַיין שְׁטוּב, עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא חֵן אִין שְׁטוּב, דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז פוּן דַיין וַוייבּ - דָאס אִיז פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת, וַוייל יֶעדֶע מָאל מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע קוּק - וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ הַמַּזִּיק, וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מַאכְט אִים בִּיטֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - וֶוערְן בַּאשַׁאפְן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מַזִּיקִים וָואס נֶעמֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן שְׁטֵייט - גֵייעֶן זֵיי מִיט אִים מִיט, אוּן זֵיי דֶערְבִּיטֶערְן אִים, זֵיי מַאכְן אִים אַלֶע צָרוֹת, זֵיי רַייסְן אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי קְדוּשָּׁה, מֶען הֵייבְּט אָן וֶוערְן אַ נֶערְוֶועזֶער, אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ', מֶען וֶוערְט אֵיין שְׁטִיק נֶערְוֶוען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד), מֶען קֶען

דֶערקֶענֶען אוֹיף דִי נָאז פּוֹגֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיב עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר, דִי נָאז אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֲרִיכוּת אַפַּיִם אָדֶער פַּארְקֶערְט, אֵיינֶער וָואס רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף - דֶער הָאט אַ לַאנְגֶע נָאז, אַ לַאנְגֶע אָטֶעם, ווִידֶערְאוּם אֵיינֶער וָואס וֶוערְט שְׁנֶעל בְּכַעַס, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט עֶר אִין כַּעַס - דֶער הָאט אַ קְלֵיינֶע קוּרְצֶע אָטֶעם; דָאס מֵיינְט דֶער רֶבִּי צוּ זָאגְן, מֶען קֶען זֶען לוֹיט דִי מִדָּה פוּן כַּעַס וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, ווַייל דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן - וֶוערְט אַ נֶערְוֶועזֶער; ווַייל וֶוען מֶען פַאלְט אִין קְדוּשָּׁה, מֶען אִיז פּוֹגֶם בִּבְרִית - בַּאקוּמְט מֶען שְׁוַואכֶע נֶערְוֶוען.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן וֶועט דַיין שָׁלוֹם בַּיִת צוּרִיק אוֹיפְשַׁיינֶען, עֶס וֶועט דִיר זַיין גוּט, אוּן עֶס וֶועט זַיין גוּט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

הַיינְט נַאכְט אִיז דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁשִׁי שִׁיעוּר, עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייג דַיין כֹּחַ, בְּלוּט, אוּן שְׁוֵייס, אִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט בּוֹחֵר גֶעוֶוען יָא צוּ בְּלַייבְּן מִיר הֶעלְפְן אִין חֵדֶר.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, פוּן דִי פְּלָאג אוּן מִי קֶען מֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן, אַז עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט עֲנִיּוּת, אָרֶעמְקֵייט - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט מְלוּמְדוּת, אוּן אַז עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט הָארֶעוַואנְיֶע - קֶען מֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם; עֶס לוֹינְט אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי הָארֶעוַואנְיֶע אִין תַּלְמִידִים, אַזוֹי וֶועט דִי הָארֶעוַואנְיֶע בְּלַייבְּן, עֶס וֶועט נִישְׁט גֵיין צוּם רוּחַ.

עֶס לוֹינְט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, עֶס לוֹינְט צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין תַּלְמִידִים, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זִיץ מִיט תַּלְמִידִים שׁוֹין פוּן זוּמֶער תשס"ד,

מַיין הָארֶעוַואנְיֶע, מַיינֶע כֹּחוֹת - לִיגְט אִין תַּלְמִידִים; אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס אִיז מַיין חֵלֶק. זַיי קְלוּג אוּן לֵייג דוּ אוֹיךְ דַיין כֹּחַ, דַיין בְּלוּט אוּן שְׁוֵוייס אִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל רַבָּן, זַיי צוּ לֶערְנֶען אֱמוּנָה, תּוֹרָה וְיִרְאָה.

...

### אַ פַייעֶר אָפְּצוּלָאזְן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג פוּן צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

איר שְׁרַייבְּט אַז עֶס בְּרֶענְט אִין אַייךְ אַ פַייעֶר אָפְּצוּלָאזְן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג פוּן צְנִיעוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען דִי פַייעֶר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת שֶׁאַחֲרֵי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת), עֶר הָאט גֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע טָאפּ אוֹיף אַ פַייעֶר, אוּן דֶער טָאפּ אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הֶענְט, קֶעפּ, פִּיס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס אִיז, הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז דָאס זֶענֶען פוּן פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ דִי צְנִיעוּת, זֵיי הָאבְּן מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הֶענְט, קָאפּ, פִּיס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַז אִיר טְרֶעפְט זִיךְ אִין דִי פַייעֶר זָאלְט אִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם פַייעֶר פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מַלְאָכִי ג, יט): "כִּי הִנֵּה הַיּוֹם בָּא בֹּעֵר כַּתַּנּוּר..."

בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶכְט עֶכְט עֶכְט וִויל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אוּן פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וִוי זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט דוּרְכְזִיכְטִיגֶע שְׁטְרִימְפּ, גֵיין מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאלְז, אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ פַייעֶר פוּן וֶועלְן אוֹיסְקוּקְן אַזוֹי וִוי דִי גוֹיִם גֵייעֶן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר אִין מִיר וִוי אַ מִלְחָמָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב וָואס זָאגְט מִיר: 'בְּלַייבּ אֵיידְל, בִּיסְט אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה,

זוּךְ דִיר נִישְׁט קֵיין צָרוֹת...׳ אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע זָאגְט: ׳נֶע... עֶס אִיז גָארְנִישְׁט... אַלֶע גֵייעֶן אַזוֹי... דָאס אִיז דִי מָאדֶע... זֵיי נִישְׁט נֶעבִּישׁ...׳ אוּן אִיךְ וֶוערְן צֶערִיסְן; אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער, בְּלָאז אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, אִיךְ זָאל זִיךְ עֶקְלֶען פוּן פְּרִיצוּת, אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן נֶעבֶּעכְדִיג וֶוען אִיךְ גֵיי מִיט אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער, הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן נָאר אַז דִי מַאמֶע גֵייט אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן קֶען מֶען עֶרְוַוארְטְן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָא, בִּזְכוּת כָּל הַצַּדִּיקִים שֶׁמָּסְרוּ נַפְשָׁם עַל קְדוּשַּׁת שְׁמֶךָ, עֲנֵנוּ ה׳ עֲנֵנוּ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי״.

...

## זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַ גוּטֶע סֵדֶר אִין קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען פָארְט שׁוֹין אִין קֶעמְפּ, אִין צְוֵויי וָואכְן וֶועלְן מִיר אַרוֹיס פָארְן צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג אוּן דִי גְרָאז; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז דִי יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס פָארְן אַוֶועק אִין דִי זוּמֶער וָואכְן פוּן שְׁטָאט צוּ דִי בֶּערְג, דָארְט צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג אִיז זֵייעֶר רֵיין, מֶען קֶען דָארְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נב), אַז עֶס טוּט שָׁאטְן פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואו מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה, אוּן מֶען קֶען וֶוערְן מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואו עֶס זֶענֶען נִישְׁטָא דָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן נַארִישְׁקֵייטְן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט וָואס דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ זוּמֶער צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אִין בֵּיימֶער - פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דַיינֶע טֶעג צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, פִיר זִיךְ

מִיט הַכְנָעָה צוּ דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר, אוּן גֵיי נִישְׁט קֶעגְן דִי תַּקָּנוֹת הַיְשִׁיבָה, הַאלְט זִיךְ צוּ דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה אוּן צוּ וָואס זֵיי זָאגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶע נָאמֶען, דוּ וֶועסְט הָאבְּן חֵן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּר, אוּן אַלֶע בָּחוּרִים וֶועלְן דִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְרִימֶען, דוּ וֶועסְט זַיין בַּאלִיבְּט בַּיי אַלֶעמֶען.

זַיי צַייטְלִיךְ בַּיי דִי סְדָרִים, זַיי צַייטְלִיךְ בַּיים דַאוֶונֶען, עֶס אִיז דָא אַ שְׁוַואכְקֵייט בַּיי בָּחוּרִים צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט מִיט גָארְנִישְׁט אוּן מִיט נִישְׁט, מֶען גֵייט שְׁלָאפְן טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער, מֶען זִיצְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט, שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ בַּיים דַאוֶונֶען, צַייטְלִיךְ בַּיי דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיים שְׁלָאפְן גֵיין; עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לֵייג זִיךְ צַייטְלִיךְ, גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי, דוּ וֶועסְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין; דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פַארְן מֶענְטְשׁ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִיז דִי יוּנְגֶע יָארְן; אוּן אַז מֶען נִיצְט אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

נָאךְ אַבִּיסְל פָארְן מִיר אִין קֶעמְפּ, אִין צְוֵויי וָואכְן פָארְן מִיר אַוֶועק פוּן דִי שְׁטָאט, מִיר וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען גוּט אָנְגְרֵייטְן פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי זוּמֶער וָואכְן וֶוען מֶען אִיז אַוֶועק פוּן שְׁטוּב, מֶען אִיז מִיט חֲבֵרִים בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט - דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן אַז אִין דַיין שְׁלָאף צִימֶער הָאט

מֶען אַרַייְנְגֶעלֵייגְט אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג וִוי דִיר, אַ בָּחוּר וָואס מַאכְט נֶערְוֶועז וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן זַאכְן וָואס דוּ וֶועסְט דַארְפְן בַּאצָאלְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז בְּמֶשֶׁךְ דֶעם לֶעבְּן, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן זַאכְן וָואס וֶועט יֶענֶעם פַארְשֶׁעמֶען.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה י:), עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זַיין גְרֵייט צוּ וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אִין אַ קַאלֶעךְ אוֹיוְון וִוי פַארְשֶׁעמֶען אַ חַבֵר; וַוייל פַארְשֶׁעמֶען אַ חַבֵר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, מֶען בַּאצָאלְט אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז אוֹיף דֶעם; אַז דוּ קֶענְסְט עֶרְלֶעדִיגְן אֵיידֶעלֶערְהֵייט מִיט דֶער מְנַהֵל, מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן מַשְׁגִּיחִים אַז מֶען זָאל אַרוּם טוּישְׁן דִי בֶּעטְן וְכַדוֹמֶה - קֶענְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ בָּחוּר פוּן שְׁטוּב, אָדֶער מַאכְן שְׁפִּיצְלֶעךְ, וַוייל אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטְרָאפְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ פוּן הִימְל מִיטְן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ"; בַּיי דִי זַאךְ זֶעט מֶען אָפְן דִי הַשְׁגָחָה, אוּן אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַסְתָּרָה, מֶען זֶעט זַאכְן פַארְקֶערְט, אָבֶער בַּיי דִי זַאךְ זֶעט מֶען קְלָאר אוּן אָפְן: אַז "אִית דִין וְאִית דַיָּין", אוּן דֶער וָואס רוֹדְפְ'ט אַ צְוֵוייטְן נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער זוּן, מַיין הַארְצִיגֶער תַּלְמִיד, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט קֵיינֶעם, טוּ נִישְׁט וֵויי קֵיינֶעם, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט דִי זַאךְ פוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט וְכוּ׳, אוּן עֶס פַּאסִירְט וְכוּ׳, עֶר שְׁלָאפְט טִיף, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט וֶוען עֶר דַארְף אַרוֹיס גֵיין וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְגִיסְן יֶענֶעמְ'ס בְּלוּט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לא.): "דְעַלָךְ סָנֵי, לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבִיד", וָואס דוּ הָאסְט אַלֵיינְס פַיינְט, טוּ נִישְׁט פַאר דַיין חַבֵר; זָאלְסְט טְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט וֶוען פַּאסִירְט מִיט דִיר אָדֶער מִיט דַיינְ'ס אַ קִינְד, טוּ אַלֶעס אַז יֶענֶער זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט דִי זוּמֶער וָואכְן, מֶען קֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין קֶעמְפּ; זָאלְסְטוּ זִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר הַלִּימוּד וָואס דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין דַיין פְרַייעֶ צַייט, וַוייל אִין קֶעמְפּ אִיז דָא מֶער צַייט וִוי אַ גַאנְץ יָאר אִין שְׁטָאט, אוּן אַז מֶען נִיצְט אוֹיס דִי צַייט קֶען מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אָנְקוּמֶען.

מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען אֵייגֶענֶע לִימוּדִים, דָאס הֵייסְט אוֹיסֶער דִי סֵדֶר וָואס אִיז דָא אִין יְשִׁיבָה; דִי שִׁיעוּר גְּמָרָא אוּן דִי שִׁיעוּר הֲלָכָה וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אִין דִי פְרַייעֶ צַייטְן לֶערְנֶען אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן מַסֶכֶת פֵּאָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן דֶעם, נָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד; הֵייבּ אָן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶכֶת שַׁבָּת זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ מַסֶכֶת עֵירוּבִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט סֵדֶר מוֹעֵד.

אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דַיין קָאפּ וֶועט אַוֶועק פְלִיעֶן, וַוייל פוּן נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן דוּרְךְ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית פַארְלִירְט מֶען דִי כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן, דִי מֹחַ וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶס פְלִיט אַוֶועק, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען וְכוּ׳, אָבֶער דוּרְךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה בּוֹיט זִיךְ דִי מֹחַ צוּרִיק אוֹיף, עֶס וֶוערְט צוּרִיק שְׁטַארְק - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

גֵיי נִישְׁט טִיף אִין וַואלְד, זִיכֶער נִישְׁט אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶער וִויל דִיךְ אַיינְרֶעדְן צוּ גֵיין עֶרְגֶעץ אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ; זָאלְסְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן. מִיט אַ חַבֵר זָאלְסְטוּ זִיךְ דְרֵייעֶן נָאר אִין דִי עֶפְנְטְלִיכְקֵייט וואוּ מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן, זָאלְסְט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן גֵיין טִיף אִין וַואלְד אָדֶער אִין אַ לֵיידִיגֶע בּוּדְקֶע וְכוּ׳, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ אַ חַבֵר וִויל דִיךְ צוּרֶעדְן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה - זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, זַיי אָפְן מִיט דַיינֶע

עֶלְטֶערְן, זַיי אָפְּן מִיט דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר. זוּךְ אוֹיף צְוִוישְׁן די אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר, אוּן אוֹיב אֵיינֶער קוּמְט צוּ דִיר אִין בָּאנְק שְׁטִילֶערְהֵייט בַּיינַאכְט וֶוען אַלֶע שְׁלָאפְן שׁוֹין אוּן ווִיל דִיךְ אָנְרִירְן... זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד... ! רַאטֶעוֶועט... !" הָאבּ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, וַוייל אִין קֶעמְפּ קֶען מֶען טַאקֶע זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען חַס וְחָלִילָה טוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן מִיט אַ חַבֵר, וָואס דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט פַארְדְרֵייט, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן מֶער, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ מִיט שְׁלוֹם בַּיִת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זָאלְסְט מִיטְהַאלְטְן דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קֵיין אוֹיבֶּער חָכָם אוּן מַאכְן פַארְקֶערְט. אַז מֶען דַארְף אַריין גֵיין צוּם שִׁיעוּר - זָאלְסְטוּ אַרַיין גֵיין צוּם שִׁיעוּר, נִישְׁט דֶעמָאלְט מַאכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן. זַיי נִישְׁט פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס טוּעֶן אַלֶעס פַארְקֶערְט; וֶוען דִי סֵדֶר אִיז דַאוֶוענֶען - דֶעמָאלְט לֶערְנֶען זֵיי, אוּן וֶוען מֶען דַארְף לֶערְנֶען - מַאכְן זֵיי מִנְיָנִים אִין וַואלְד וְכוּ', דוּ זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, אוּן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; אוּן אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס. עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ פַאר דִיר צוּ אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס אוּן עֶס עֶנְדִיגְן אִין דִי צֶען וָואכְן פוּן קֶעמְפּ; מֶען רֶעדְט פוּן דוּרְךְ זָאגְן שַׁ"ס, אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא - קֶענְסְטוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן אַז מֶען זָאגְט גְמָרָא - הֵייבְּט מֶען אָן צוּבִּיסְלֶעךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט וַוייטֶער אַזוֹי, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, מֶען הֵייבְּט אָן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס אוּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס - אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי קָאפּ עֶפְנְט זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַהֵיימְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן פוּן קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

מִיר פָארְן שׁוֹין כִּמְעַט אִין קֶעמְפּ, נָאךְ צְוֵויי וָואכְן וֶועלְן מִיר זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אַ מְחַיֶּ׳ דִי זוּמֶער וָואכְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ אוֹיף דִי צֶען וָואכְן צוּ זִיצְן מִיט דִי בָּחוּרִים אִין וַואלְד, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, שְׁמוּעֶסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין טַייעֶרֶער ..., דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס דוּ בִּיסְט אִין קֶעמְפּ זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, גֶעדֶענְק אַהֵיים צוּ רוּפְן יֶעדְן טָאג, גֶעדֶענְק פוּן דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ; דֶערְצֵייל זֵיי גוּטֶע זַאכְן, מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיינֶע עֶלְטֶערְן; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:): "הִשְׁוָה הַכָּתוּב כִּבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן - אִיז מֶען מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי עֶלְטֶערְן - מַאכְט מֶען פְרֵיילִיךְ דִי שְׁכִינָה; עֶס גֵייט אִינְאֵיינֶעם.

קֶענְסְט בֶּעטְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן דִיר בַּאזָארְגְן מִיט דִי זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְן אִין קֶעמְפּ, דִיר שִׁיקְן וֶועשׁ, עֶסְן, וְכַדּוֹמֶה, אָבֶער זֵיי גֶעוָוארְנְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ זֵיי; צוּ עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען רֶעדְן זֵייעֶר אֵיידְל אוּן שֵׁיין, פְּרֶעג זֵיי אֵיידֶעלְעֶרְהֵייט אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען דִיר הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ דַארְפְסְט; עֶס פֶעלְט דִיר אַ הֶעמְד, אַ הוֹיזְן, אַ בֶּעקִיטְשֶׁע וְכוּ׳, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת: ׳הֲיִתָּכֵן הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעמַאכְט?׳ ׳הֲיִתָּכֵן הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעשִׁיקְט?׳ ׳הֲיִתָּכֵן הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט?׳ דָאס אִיז אַ פְּגַם אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס הָאבְן, דוּ דַארְפְסְט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דִיר הֶעלְפְן, זֵיי זָאלְן דִיר עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען בֶּעט אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פַארְלַאנְגְט, מֶען זָאל נִישְׁט פוֹגֵעַ זַיין אִין זֵייעֶר כָּבוֹד; נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז קֵיינֶער קוּמְט דִיר גָארְנִישְׁט, דַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּמֶען דִיר גָארְנִישְׁט; אַלֶעס וָואס זֵיי טוּעֶן פַאר דִיר, אַלֶעס

וָואס זֵיי זָארְגְן פַאר דִיר - אִיז אַ מַתָּנָה; אַזוֹי וֶועסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְ׳סְטֶע פוּן דִי וֶועלְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת רוּפְן דַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן נֶעמְט אוֹיךְ אַרַיין זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אוּן וֶוען דוּ קֶענְסְט נָאר דוּרְכְן יָאר אַרוֹיפְגֵיין צוּ אַ זֵיידֶע, צוּ אַ בַּאבֶּע - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ זֵיי, אוּן אַז דַיין זֵיידֶע זָאגְט דִיר מוּסָר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט, אוּן אַז דִי בַּאבֶּע זָאגְט, שְׁרֵייט אוּן קְוִויטְשֶׁעט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער לַאכְן, זָאלְסְט וִויסְן אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מִיר וֶועלְן זַיין דִי זֵיידֶעס פוּן שְׁטָאט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סא), דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז וִוי אַ פֶערְטְל שָׁעָה; עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין וִוי אֵיינִיקְלֶעךְ פִירְן זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערֶע דוֹר, מֶען לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן זֵיי, אִין אַפָּאר מִינוּט זֶענֶען מִיר דִי זֵיידֶעס, אוּן וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף אוּנְז? וֶוער וֶועט רֶעדְן מִיט אוּנְז? אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֶען וִוי אַזוֹי מִיר רֶעדְן מִיט אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן - וֶועלְן זֵיי אוּנְז מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַז נִישְׁט - וֶועט מֶען אוּנְז אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ מוֹשַׁב זְקֵנִים, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אוּנְז.

אַז דַיין זֵיידֶע זָאגְט דִיר, דִי בַּאבֶּע זָאגְט דִיר, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַז דַיין טַאטֶע זָאגְט דִיר מוּסָר, דַיין מַאמֶע זָאגְט דִיר מוּסָר - זָאלְסְטוּ דָאס אָנְנֶעמֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן פַאר דִיר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעשְׁטְרָאפְט, זִי הָאט אִים גֶע׳מוּסָר׳ט - הָאט עֶר גֶעזוּנְגֶען פַאר אִיר דֶעם קַאפִּיטְל (מִשְׁלֵי לא, י): "אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא", עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טַייעֶרֶע מַאמֶע וָואס זָאגְט אִים וָואס אִיז רִיכְטִיג, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; דֶערִיבֶּער יֶעצְט אִין קֶעמְפּ וֶוען מֶען אִיז אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ, מֶען הָאט עֶלְטֶערְן, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען פוּן וואוּ מֶען שְׁטַאמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי טְרֵיפָה׳נֶע מִילִיטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז דוּ בִּיסְט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דַארְפְן גֵיין אִין דִי טְרֵיפָה׳נֶע מִילִיטֶער; פְרֶעג אַ דַיָּין אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל.

זַיי שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיין בְּרוּדֶער ..., זָאג אִים אַז אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן אִים, אַמָאל פְלֶעגְט עֶר מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוְן, אַמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט מִיט אִים מֶער שַׁיְיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תְּהִלִּים אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִין קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען פָּארְט שׁוֹין אִין קֶעמְפּ, מֶען גֵייט זַיין אַוֶועק פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע גַאסְן, מֶען גֵייט זִיצְן אִין פֶעלְד זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תּוֹרָה תְּפִלָּה; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זֶע אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט אִין קֶעמְפּ צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי גְרָאז, מַאךְ זִיךְ אַ פְּלַאץ צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער; נֶעם אַ טִישׁ, אַ בֶּענְקֶל אוּן אַ שְׁטֶענְדֶער אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דַיינֶע פְרֵייעֶ צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם ׳יוֹם תְּהִלִּים׳ אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, בֶּעט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ שִׁידוּךְ אוּן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער זֶעט מֶען ווִי עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק קִינְדֶער, עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער נָבִיא קְלָאגְט (יִרְמְיָה ט, כ): "כִּי עָלָה מָוֶת בְּחַלּוֹנֵינוּ, בָּא

בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ, לְהַכְרִית עוֹלֵל מִחוּץ, בַּחוּרִים מֵרְחֹבוֹת", אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן פַארְכַאפְּט - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; זָאלְסְטוּ זִיצְן הִינְטֶערְן בּוֹים מִיטְן תְּהִלִּים אוּן זִינְגֶען דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי פְּסוּקֵי תְּהִלִּים - מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן דוּ זָאלְסְט אַרַיינְפְלֶעכְטְן צְווִישְׁן דִי פְּסוּקִים דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, שִׁיק מִיר שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ קוּם נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר אִין קֶעמְפּ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער פַארְיָאר אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן קוּמֶען דִי יָאר נָאכְאַמָאל אִין קֶעמְפּ, אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, דִיךְ קֶענֶען דִינֶען מִיט רֵיינֶע מוֹחִין, לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר", ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה; אָנָּא הַשֵּׁם רַחֵם עָלַי, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, בְּרֶענְג מִיר מַיין שִׁידוּךְ"; אוּן לֵייג אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס נֶעמֶען דִי תְּפִלּוֹת אוּן מַאכְן דֶערְפוּן הֶערְלִיכֶע קְרוֹינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יג:; זֹהַר בְּשַׁלַּח נח.), עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ סַנְדַּלְפוֹן, אַ רִיזִיגֶער מַלְאָךְ, פוּן דִי עֶרְד בִּיזְן הִימְל, "וְקוֹשֵׁר כְּתָרִים", עֶר מַאכְט שֵׁיינֶע קְרוֹינֶען, "מִצְּלוֹתְהוֹן יִשְׂרָאֵל", פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר (נָאר דָארְט וואוּ דִי קֶעמְפּ עֶרְלוֹיבְּט) - מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּ אִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, טֵייל אֵיין דִי שְׁמוּעֶס אִין דְרֵיי; הֵייבּ אָן מִיט 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה', דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ

מִתְוַודֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, וָואס דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, אִיךְ זָאג צוּ אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן**", אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אַז דִי לֶעבְּן זָאל דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

דִי עֲבוֹדָה פוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן אַלֶע צַדִיקִים גֶעטוּן, דָאס הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס, אַזוֹי הֵיילִיג, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה; ק), עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסאךְ צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אִיז דִי עֶפֶענוּנְג אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אִין קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר; הֶער צוּ מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן נֶעם עֶס אָן.

דָאס זַיין אִין קֶעמְפּ הָאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען אִיז אַוֶועק פוּן דִי שְׁטָאט, מֶען אִיז אַוֶועק פוּן דִי גוֹי'אִישֶׁע גַאסְן, מֶען קֶען אִין קֶעמְפּ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; זָאלְסְטוּ זִיךְ חַבֶרְ'ן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, חֲבֵרִים וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּ צוּם סֵדֶר הַיְשִׁיבָה אוּן צוּ דִי תַּקָּנוֹת וָואס מֶען מַאכְט אִין קֶעמְפּ, ווַייל אוֹיךְ אִין קֶעמְפּ דַארְף מֶען הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם,

און אַז אֵיינֶער אִין דַיין שְׁטוּבּ הָאט מִיטגֶעבְּרֶענְגְט אַ כְּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען ווִידִיאוֹס - זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן קֵיין ווִידִיאוֹס, און אֲפִילוּ בָּחוּרִים זָאגְן דִיר: "זַיי נִישְׁט קֵיין פְּרוּמֶער, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, דִי זַאכְן מֶעג מֶען קוּקְן, דִי זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם" - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט חָכְמָה אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, זָאלְסְט נִישְׁט בְּרֶעכְן דַיין גֶּדֶר וָואס דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר נִישְׁט צוּ קוּקְן; אוֹיךְ וֶוען דוּ הֶערְסְט חֲבֵרִים רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען, און עֶס זֶעט דִיר אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט און דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ ווִי אַ נַאר אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי זַאכְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס מִיט צוּ רֶעדְן - גֶעדֶענְק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵדֻיּוֹת ה, ו), עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי אַ שׁוֹטֶה - ווִי אֵיידֶער זַיין אֵיין סֶעקוּנְדֶע אַ רָשָׁע. און בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין גוּטֶע גֶּדֶר פוּן נִישְׁט קוּקְן; ווַייל אַז מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן ווִידִיאוֹס - הָאט דָאס נִישְׁט קֵיין אָפְּשְׁטֶעל, מֶען קוּמְט אָן צוּ קוּקְן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי שָׁלֹשׁ חֲמוּרוֹת: עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת און שְׁפִיכַת דָמִים.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער יֵצֶר הָרָע אַרְבֶּעט מִיט חָכְמָה, און וֶוען עֶר ווִיל פַארְכַאפְּן אַ יוּנְגֶער רֵיינֶער בָּחוּר וֶועט עֶר נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיטְן אִים ווַייזְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן מִיט אִידִישֶׁע קְלִיפְּס, מִיט דְזְשָׁאוֹקְס, מִיט עֶדְוֶוערְטֵייזְמֶענְטְס, און אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן, און מִיט דִי צַייט הֵייבְּט מֶען אָן קוּקְן נַייעֶס, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ קוּקְן ווִי פְּרוּוֶען רֶעדְן, און אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן קוּקְן גוֹי'אִישֶׁע ווִידִיאוֹס און מָאוִויס, און מֶען פַאלְט אַרַיין אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע זַאכְן פַאר זִיךְ זֶענֶען אַ סַכָּנָה צוּ קוּקְן, ווַייל לֵיידֶער זֶענֶען דָא הַיינְט הֵיימִישֶׁע אִידְן וָואס רוּפְן זִיךְ חֲסִידִים, מִיט שְׁטְרַיימְל און בֶּעקִיטְשֶׁע, וָואס מַאכְן אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מִצְוֹת און פוּן מִנְהָגִים; עֶמְטְלִיךְ אִיז עֶס נִישְׁט קֶעגְן אִידִישְׁקֵייט, עֶמְטְלִיךְ אִיז עֶס פַאר עֶדְוֶוערְטֵייזְמֶענְט און אוּנְטֶערְטֶעיְנְמֶענְט, אָבֶער עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ גִיפְט; וֶוען מֶען קוּקְט דִי זַאכְן וֶוערְט מֶען קַאלְט צוּ מִצְוֹת, מֶען וֶוערְט קַאלְט צוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע מִנְהָגִים; פוּן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן. ווַייל

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן ה): "עַל יְדֵי לֵיצָנוּת אֵין לוֹ חָכְמָה", לֵיצָנוּת פַארְטַרַייבְּט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם; עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה פוּן דִי בָּחוּרִים, זוּךְ אוֹיף אִין יְשִׁיבָה עֶרְלִיכֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען, מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן; אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוֹנֶה זַיין אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ וֶועסְט אוֹיסְנִיצְן דִי זוּמֶער וָואכְן מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

זַיין אִין קֶעמְפּ הָאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת; דָאס זַיין אַוֶועק פוּן שְׁטָאט, דָאס זַיין אַוֶועק פוּן דִי גַאס - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אַז מֶען זֶעט דִי חֲבֵרִים פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק, בְּלַייבְּן מִיט דִי גוּטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ; אִין יְשִׁיבָה קוּמֶען בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שְׁטִיבֶּער, אוּן מֶען דַארְף טַאקֶע זִיךְ פִירְן צוּ אַלֶעמֶען שֵׁיין, יֶעדְן מְקָרֵב זַיין, יֶעדְן בַּאגְרִיסְן, אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ, נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי חֶסְרוֹנוֹת וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען מִיט פוּן שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שִׁיעוּרִים פַאר אַבְרֵכִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, פָּרָשַׁת חֻקַּת בָּלָק - קוּמֶען מִיר אַרוֹיס פַאר דִי זוּמֶער, אַ גַאנְץ יָאר קוּק אִיךְ אַרוֹיס צוּ זַיין דִי זוּמֶער וָואכְן אוֹיף דִי בֶּערְג צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי גְרָאז בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי פַארְיָאר - וֶועט זַיין אִינְדֶערְפְרִי אַכְט אַזֵייגֶער דִי גְמָרָא שִׁיעוּר, יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיט הַאלְטְן

דִי שִׁיעוּר, פַאְרְיָאר הָאסְטוּ יֶעדְן טָאג מִיט גֶעהַאלְטְן דִי שִׁיעוּר אִין וַואלְד צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי טָאג נָאכְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי פַּארְנַאכְטְס שִׁיעוּר אִיז אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר פַאר דִי בָּחוּרִים, אִיךְ בֶּעט אַלֶע אַבְרֵכִים זָאלְן לָאזְן דִי בָּחוּרִים הָאבְן זֵייעֶר צַייט מִיט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם וֶועט זַיין דִי זוּמֶער שִׁיעוּרִים פַאר אַבְרֵכִים, דִי שִׁיעוּרִים וֶועלְן פָּארְקוּמֶען נָאךְ מַעֲרִיב. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶעלְט אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל אַיינְטֵיילְן דִי אִינְגֶעלַייט אִין גְרוּפֶּעס פוּן אַ מִנְיָן, צֶען אִינְגֶעלַייט פַאר יֶעדֶע נַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב, עֶס זָאל זַיין בַּאקְוֶועם, אִיךְ הָאף אַז דוּ אוּן אַלֶע אַבְרֵכִים וֶועלְן הַנָאָה הָאבְן.

...

## אַלֵיין מְבָרֵר זַיין אוֹיבּ עֶס לוֹינְט צוּ קוֹיפְן דִי הוֹיז

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא"י), כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט צוּ הַייזֶער, אַז דֶער בְּרָאוֹקֶער טְרָאגְט דִיר אָן צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז זָאלְסְטוּ מְבָרֵר זַיין בַּיי דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אוֹיבּ עֶס לוֹינְט צוּ קוֹיפְן, אוּן אוֹיבּ דִי הַנְהָלָה בַּאשְׁטֶעטִיגְט דִי הוֹיז.

מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן נָאר דֶעם בְּרָאוֹקֶער, דֶער בְּרָאוֹקֶער הָאט אַ נְגִיעָה פוּן זַיין זַייט צוּ פַארְקוֹיפְן וָואס מֶער, דָאס אִיז זַיין פַּרְנָסָה; רִיכְטִיג אִיז, אוֹיסְצוּהֶערְן אַלֶע גְלִיקְן וָואס עֶר לֵייגְט פָאר, אוּן אַלֵיינְס מְבָרֵר זַיין אוֹיבּ עֶס לוֹינְט, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז בִּכְלַל וֶוערְד; עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל פֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט פַארְגֶעלֵייגְט דִי גְלִיק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעזֶען אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעזָאגְט.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט צוּ הַייזֶער, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִי עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל רֶעדְן אֵיידֶל אוּן שֵׁיין צוּ דִי

וַוייב, און רֶעדְן אֵיידְל און שֵׁיין צוּ טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט זַיין נָאר דֶער שְׁטְרֶענְגֶער טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער טַאטֶע און צֶעקְוֶועטְשְׁן קִינְדֶער, מֶען דַארְף פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַרוֹיסְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי מַאכְן גֶעשְׁמַאק.

יֶעצְט אִיז נַייעֶ צַייטְן, הָאסְט קִינְדֶער טִינְעֵידְזְשֶׁערְס (צֶענֶערְלִינְגֶען), דַארְפְסְטוּ אַרוֹיס גֵיין מִיט זֵיי, מַאכְן גֶעשְׁמַאק פַאר זֵיי, שְׁפַּאצִירְן, אַיינְקוֹיפְן, זִיךְ אוֹיסְבְּלָאזְן, אוֹיסְלוּפְטֶערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ זָאגְן ׳נִישְׁט׳ - אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אוֹיפְן קִיאַסְק, אוֹיף דִי חַבֶר׳טֶע, אוֹיף יֶענֶע חַבֶר׳טֶע; אָבֶער אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי גֶעלְט, מֶען זֶעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, און שַׁבָּת אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, נֶערְוֶועז, פְּסָקִים, קְרִיטִיק; אִיז וֶוען מֶען זָאגְט ׳נִישְׁט׳ אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן - הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, קֶענְסְט נָאךְ אַלֶעס רַאטֶעוֶוען, גֵיי מִיט דַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער אֵיין מָאל אַ וָואךְ זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין מֶעכְטִיג שֶׁבְּמֶעכְטִיג; אַז זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן זֵיי הֶערְן וָואס דוּ זָאגְסְט און וָואס דַיין וַוייב זָאגְט, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט גֵיין אוּנְטֶער דַיין רוּקְן, זֵיי וֶועלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט און עֶרְלִיךְ.

הָעִקָּר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּב, גֶעבְּן דִי קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער און זֶען אִין זֵיי גוּטְס, דֶעמָאלְט הֶערְן זֵיי אוֹיס דִי עֶלְטֶערְן, דֶעמָאלְט אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, דַף קפו:): ״זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְשָׁמְעִין״, ווארויל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן אוֹיס; נָאר אַז

עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז ווֶערְד - ווִיל מֶען זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן, ווִיל מֶען מַאכְן צוּפְרִידְן דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר דָאס אַלֶעס, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס ווֶעט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי מַצָּב רוּחַ פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי ווֶעלְן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע ווֶעג.

...

## בֶּעטְן צְדָקָה, אָן קֵיין רַחֲמָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אָשֵׁר בֶּער אִינְדָארְסְקִי נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי עוֹל פוּן דַארְפְן דַאֲגָה׳נֶען פַאר דִי רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, אוּן פַאר דִי נַייעֶ בִּנְיָנִים וָואס דוּ מִיט דַיין שֻׁתָּף שַׁבְּתַי מַארְקוּס נֵרוֹ יָאִיר זָארְגְן אוּן שַׁאפְן דִי גֶעלְט, עֶנְק הֶעלְפְן מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אַבִּיסְל קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען מַיין מֹחַ צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן צוּ טוּן מִיט דִי אִינְגֶעלַייט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן פוּן אַלֶעמֶען צְדָקָה, אַדְרַבָּה, וָואס מֶער דוּ ווֶעסְט בֶּעטְן צְדָקָה אוּן מֶען ווֶעט דִיר גֶעבְן - מִיט דֶעם טוּסְטוּ זֵיי שׁוֹינֶען, דָאס אִיז דִי עֶכְטֶע רַחֲמָנוּת; מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין אוּמַאן הָאט מֶען צַאמְגֶענוּמֶען צְדָקָה פַארְן קְלוֹיז, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אָן אָרֶעמַאן וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּ אִים בֶּעטְן צְדָקָה, וַוייל עֶר פְלֶעגְט גֶעבְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט... מֶען הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט...

ווֶען דֶער אָרֶעמַאן, דֶער בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד הָאט גֶעזֶען ווִי מֶען ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען פוּן אִים אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דִי גַּבָּאֵי צְדָקָה אוּן גֶעוֵויינְט: ״הָאטְס רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דִי אֵיין רֶענְדְל, הָאטְס רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, נֶעמְט עֶס פוּן מִיר, אִיךְ ווִיל עֶפֶּעס מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט, אִיךְ דַארְף רַחֲמָנוּת, וָואס ווֶעט זַיין מִיט מַיין נְשָׁמָה...״

אַזוֹי זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאבּ רַחְמָנוּת, נֶעם וָואס מֶער צְדָקָה, דָאס אִיז דִי עֶכְטֶע רַחְמָנוּת.

...

## לָאז נִישְׁט אָפּ דִי מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי שְׁטַארְק מִיט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען הַצְלָחָה, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז מִשְׁנָ״ה אִיז בְּגִימַטְרִיָּא פַּרְנָסָ״ה; אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען שֶׁפַע.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, נָאךְ אַ וָואךְ קוּמֶען מִיר אַרוֹיס פַארְן זוּמֶער, עֶס וֶועט זַיין שִׁיעוּרִים פַאר אַלֶע אַבְרֵכִים תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, מוֹהַרְנַ״ת הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיף דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ גַאנְצֶע חִבּוּר וִוי דִי לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, נָאךְ אַ גִירְסָא אִיז דָא, אַז עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אַכְט מָאל מֶער וִוי דֶעם גַאנְצְן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי מִשְׁנַיוֹת, נֶעם עֶס מִיט מִיט דִיר וואוּ דוּ גֵייסְט, אוּן וואוּ דוּ בִּיסְט - כַאפּ אַרַיין נָאךְ אַ מִשְׁנָה אוּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ אַ יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

...

## זַיי אַ מְוַתֵּר, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי עֶנְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בא״י), כ״ז סִיוָן, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, מַאךְ שׁוֹין שָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ, בֶּעט אִיר

אִיבֶּער, גֶעבּ נָאךְ, זַיי אַ מְוַתֵּר - וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי עֶנְק, דִי קִינְדֶער וֶועלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד! דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט צוּ אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט אַז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, ווייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ׳, אוּן רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שָׁם, סִימָן רסג), אֵיינֶער הָאט אִים פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי׳ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, ווייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ - כַּאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, ״כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם״, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## וֶוער נִישְׁט אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מַחֲלֹקֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא״י), כ״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי פַּרְשָׁה פוּן קֹרַח, דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; זָאלְסְטוּ זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין אוּן זֶען וָואס אִיז דִי סוֹף פוּן מַחְלֹקֶת, עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט, עַל כֵּן וֶוער נִישְׁט אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מַחֲלֹקֶת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): ״בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן״, דֶער שָׂטָן גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ; אוּן דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי וָואס זֵייעֶרֶע שְׁמוּעֶסְן זֶענֶען לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, הוֹצָאַת שֵׁם רַע וְכוּ׳; אוּן זִיכֶער

אויב אֵיינֶער ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר אַ וָוארְט, אַ וֶוערְטְל - אויף דַיין רֶבִּי וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען דִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִיר גֶעבְּן שָׁלוֹם בַּיִת און אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אַוֶועק דְרֵייעֶן, נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי גֶעפִיל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס ווִיל אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע און הֵיילִיגְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אויף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אויף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר און זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אויף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר און פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אויפְן עֶרְד מִיט דִי פִיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט און עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן?! וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אויף דִי וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# מהדורת פרענקל

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

החתן

## צבי הירש פרענקל

הי"ו

**לרגל שמחת נשואיו עב"ג למזל טוב**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון